# העלט אינשורענס געצייג פושקע
# פאר סערוויס קאארדינירער
# (Health Insurance Tool Kit for Service Coordinators)

NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH
Bureau of Early Intervention

## געצייג פושקע ארטיקלען

### הונטערגרונד

1. סערוויס קאארדינירער העלט אינשורענס פליכטן - געצייג פושקע ארטיקל 1
2. עלטערן מעלדונג איבער העלט אינשורענס - געצייג פושקע ארטיקל 2
3. אינפארמאציע און אנווייזונגען פאר עלטערן איבער באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע/עלטערן באשטעטיגונג איבער נישט האבן העלט אינשורענס - געצייג פושקע ארטיקל 3
4. באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע - געצייג פושקע ארטיקל 4 **(בויגן A)**
5. עלטערן באשטעטיגונג איבער נישט האבן העלט אינשורענס - געצייג פושקע ארטיקל 5 **(בויגן B)**
6. ערלויבעניש ארויסצוגעבן העלט אינשורענס אינפארמאציע - געצייג פושקע ארטיקל 6 **(בויגן C)**
7. אנווייזונגען פאר סערוויס קאארדינירער: באקומען די געשריבענע רעפערעל פון עלטערן אדער פריימערי העלט קעיר דאקטוירים - געצייג פושקע ארטיקל 7
8. געשריבענע רעפערעל פון פריימערי העלט קעיר דאקטער - געצייג פושקע ארטיקל 8 **(בויגן D)** געוועזענע בויגן E
9. אנווייזונגען איבער ביל'ן Medicaid פאר קינדער איינגעשריבן אין Medicaid Managed Care פלענער - געצייג פושקע ארטיקל 9

### באמערקונגען

- ערשטע און ווייטערדיגע סערוויס קאארדינירער אינשורענס פליכטן זענען געווארן צוזאמגעלייגט
- בויגן B איז יעצט די עלטערן באשטעטיגונג איבער נישט האבן העלט אינשורענס
- פארלאנג פאר דעקונג אינפארמאציע (געוועזענע בויגן D) - איז אראפגענומען געווארן - איז מער נישט שייך
- פארלאנגטע מעלדונג פון סאבראגעישין (איבערגעבן די רעכטן) - איז אראפגענומען געווארן - איז מער נישט שייך
- אנווייזונגען איבער אננעמען נישט-געזעצליך-אנגעפירטע אינשורענס פלענער אין NYEIS - איז אראפגענומען געווארן - איז מער נישט שייך

## הונטערגרונד

אין ניו יארק סטעיט, מוזן אורלי אינטערוועשאן סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט צו עלטערן פריי פון אפצאל. [אפטיילונג 2557 פון PHL,10 NYCRR טייל 69-4.1(m)(1)(iv)(d)] סערוויסעס ווערן באצאלט דורך Medicaid פאר בארעכטיגטע קינדער מיט Medicaid דעקונג. איידער דעצעמבער 29, 2021, זענען אורלי אינטערוועשאן סערוויסעס טיילווייז באצאלט געווארן דורך א בארעכטיגטער קינד'ס העלט אינשורענס דעקונג, אויב די העלט אינשורענס פלאן איז געווען אונטער די געזעצליכע אויפזיכט פון די ניו יארק סטעיט אינשורענס געזעץ (New York State Insurance Law, SIL).

אויף דעצעמבער 29, 2021, האט גאווערנאר Hochul (האקול) אונטערגעשריבן א געזעץ (A.5339/S.5560A) וואס האט באדייטנד געטוישט די וועג וואס קלעימס פאר אורלי אינטערוועשאן סערוויסעס ווערן פראצעסירט און באצאלט. די געזעץ שטעלט אוועק אן אורלי אינטערוועשאן פראגראם געדעקטע לעבנס קאסע, באצאלט דורך אן אפשאצונג אויף העלט אינשורענס פלענער. די אורלי אינטערוועשאן פראגראם קאסע באצאלונג פארגרינגערט די שטאטישע און סטעיט טיילן פון אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויסעס וועלכע ווערן נישט באצאלט דורך Medicaid. **אורלי אינטערוועשאן קלעימס ווערן מער נישט געביל'ט צו קאמערשעל העלט אינשורענס.** קלעימס וועלן ווייטער ווערן געביל'ט צו Medicaid פאר געדעקטע סערוויסעס און צו שטאטישע עסקראו אקאונטס פאר נישט-געדעקטע סערוויסעס.

**באמערקונג: סערוויס קאארדינירער מוזן ווייטער באקומען און דאקומענטירן א קינד'ס העלט אינשורענס אינפארמאציע.**

דאס העלט אינשורענס געצייג פושקע איז איבערגעמאכט געווארן צו געבן פאר סערוויס קאארדינירער די אינפארמאציע וואס זיי דארפן צו אויספירן אלע אורלי אינטערוועשאן פליכטן פארבינדן מיט באקומען און דאקומענטירן א קינד'ס/פאמיליע'ס העלט אינשורענס דעקונג אינפארמאציע.

## העלט אינשורענס געצייג פושקע ארטיקל 1

## סערוויס קאארדינירער העלט אינשורענס פליכטן

1. געבן פאר די עלטערן/לעגאלע גארדיען א קאפיע פון די ***עלטערן מעלדונג איבער העלט אינשורענס*** (געצייג פושקע ארטיקל 2) און איבערגיין די אינפארמאציע מיט שי עלטערן. אדורכרעדן מיט די פאמיליע די פארלאנג פון די אורלי אינטערווענשאן פראגראם רעגאלאציעס אז די סערוויס קאארדינירער דארפן באקומען און די עלטערן דארפן געבן די אורלי אינטערווענשאן קינד'ס העלט אינשורענס אינפארמאציע צו ארויסהעלפן מיט אורלי אינטערוועשאן פארגיטיגונג פאר אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויסעס.

a. אונטער ניו יארק סטעיט פובליק העלט געזעץ (New York State Public Health Law, PHL), מוזן אורלי אינטערוועשאן סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט צו עלטערן פריי פון אפצאל. [אפטיילונג 2557 פון PHL,10 NYCRR טייל 69-4.1(m)(1)(iv)(d)]

b. ***Medicaid איז טייל פון ניו יארק סטעיט'ס סיסטעם פון באצאלונגען פאר אורלי אינטערוועשאן סערוויסעס.*** סערוויסעס ווערן באצאלט דורך Medicaid פאר בארעכטיגטע קינדער מיט Medicaid דעקונג. Medicaid געלטער און די געלטער וואס מען קען באקומען דורך די אורלי אינטערוועשאן פראגראם געדעקטע לעבנס קאסע, באצאלט דורך אן אפשאצונג אויף אינשורענס פלענער, זענען ביידע טייל פון די סיסטעם פון באצאלונג פאר די פראגראם. די אורלי אינטערוועשאן פראגראם קאסע באצאלונג פארגרינגערט די שטאטישע און סטעיט טיילן פון אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויסעס וועלכע ווערן נישט באצאלט דורך Medicaid. קלעימס וועלן ווייטער ווערן גע'ביל'ט צו Medicaid פאר געדעקטע סערוויסעס און צו שטאטישע עסקראו פאר נישט-געדעקטע סערוויסעס.

**וויכטיגע באמערקונג: אורלי אינטערוועשאן פראגראם קלעימס ווערן מער נישט גע'ביל'ט צו קאמערשעל העלט אינשורענס.**

2. אורלי אינטערוועשאן פראווידערס וועלן באקומען אורלי אינטערוועשאן באצאלונג פון שטאטישע געלטער (עסקראו אקאונטס) פאר סערוויסעס וועלכע ווערן נישט גענצליך באצאלט דורך Medicaid אויב די פראווידער קלעים ערפילט אלע אנדערע גילטיגע אורלי אינטערוועשאן בילינג און קלעימינג באדינגונגען.

a. די Medicaid פראגראם צאלט פאר אלע אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויסעס לויט די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט'ס (New York State Department of Health) אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויס באצאלונג ראטעס אוועקגעשטעלט דורך די סטעיט.

b. פראווידערס זענען פארבאטן פון בעטן באצאלונג פאר אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויסעס פון די עלטערן.

c. אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויסעס מוזן ווערן צוגעשטעלט פאר אלע בארעכטיגטע קינדער לויט די קינד'ס אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן (Individualized Family Service Plan, IFSP) ארייגערעכנט סערוויס קאארדינאציע און אפשאצונגען. דאס נעמט אריין אלע קינדער, אפגעזען פון זייער אינשורענס סטאטוס.

i. אויב א קינד האט נישט קיין אינשורענס, איז די סערוויס קאארדינירער פאראנטווארטליך צו העלפן די עלטערן מיט טרעפן און זיך איינגעבן פאר בענעפיט פראגראמען פאר וואס די פאמיליע קען זיין בארעכטיגט, אריינגערעכנט Medicaid, Child Health Plus, און סאושעל סעקיורוטי דיסאביליטי איינקונפט. אבער, די עלטערן ווערט נישט געפאדערט זיך איינצושרייבן אין א העלט אינשורענס פראגראם צו קענען באקומען אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויסעס.

ii. **בויגן א,** (געצייג פושקע ארטיקל 4), ***באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע,*** זאל ווערן גענוצט דורך די סערוויס קאארדינירער צו באקומען א קינד'ס/פאמיליע'ס אינפארמאציע איבער העלט אינשורענס דעקונג.

iii. **בויגן B,** (געצייג פושקע ארטיקל 5), איז די ***עלטערן באשטעטיגונג איבער נישט האבן העלט אינשורענס.*** עלטערן מוזן אונטערשרייבן אזא באשטעטיגונג אויב די אורלי אינטערוועשאן קינד האט נישט קיין העלט אינשורענס דעקונג. סערוויס קאארדינירער מוזן איבערגיין א קינד'ס העלט אינשורענס דעקונג אינפארמאציע מיט די פאמיליע יעדע פערטל יאר אדער נאכמער אפט, אויב די קינד'ס העלט אינשורענס סטאטוס טוישט זיך. די עלטערן מוזן אונטערשרייבן א נייע באשטעטיגונג כאטש יעדע פערטל יאר אויסער אויב די קינד באקומט העלט אינשורענס דעקונג און די עלטערן פולן אויס **בויגן A** און שיקן עס אריין צו די סערוויס קאארדינירער.

iv. איינמאל די עלטערן האבן אויסגעפולט די פאסיגע בויגן איבער העלט אינשורענס (**בויגן A** אדער אויב זיי האבן נישט קיין העלט אינשורענס דעקונג, **בויגן B**), מוז די אינפארמאציע ווערן אריינגעלייגט אין די סטעיט דאטא סיסטעם און די בויגן מוז ווערן געהאלטן אין די קינד'ס טעקע. די סערוויס קאארדינירער וועט לאזן וויסן פאר אלע בילינג פראווידערס און פאר די שטאט אז די אויסגעפולטע דאקומענטן איבער העלט אינשורענס אינפארמאציע ליגט אין די קינד'ס טעקע און אויב מען בעט דערפאר, וועלן פאפירענע קאפיעס געשיקט ווערן צו זיי אויף פאסט ביז 14 טעג נאך מען באקומט א פארלאנג.

**אויב די פאמיליע האט א Medicaid קארטל און א Medicaid קינד אידענטיפיקאציע נומער (Child Identification Number, CIN), מוז די CIN ווערן אריינגעלייגט אין די אנגייענדע סטעיט דאטא סיסטעם. אויב די Medicaid דעקונג איז א Medicaid Managed Care פלאן, דארף די Managed Care אינשורירער/אינשורענס אינפארמאציע אויך ווערן אריינגעלייגט אין די סטעיט דאטא סיסטעם.

**ביטע נעמט אין אכט:**
העלט ספענדינג אקאונטס (Health Spending Accounts, HSA)/העלט סעיווינגס אקאונטס (Health Savings Accounts, HSA) זענען מעדיצינישע סעיווינגס אקאונטס און זענען ***נישט*** גערעכנט פאר העלט אינשורענס; אינפארמאציע איבער די סארטן אקאונטס זאלן ***נישט*** ווערן געהאלטן דורך די סערוויס קאארדינירער אדער ווערן אריינגעלייגט אין די קינד'ס טעקע אדער אין די סטעיט דאטא סיסטעם.

d. שיצונגען פאר פאמיליעס ווען מען געבט איבער העלט אינשורענס אינפארמאציע פאר די אורלי אינטערוועשאן פראגראם:

i. עלטערן טארן נישט באצאלן קאסטן פון זייער אייגענע טאש, אזוויי דעדאקטיבלס אדער קא-פעימענטס פאר אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויסעס.

ii. דאס אז די אורלי אינטערוועשאן פראגראם באקומט העלט אינשורענס אינפארמאציע האט נישט א נעגאטיווע אפעקט אויף סיי וועלכע העלט אינשורענס דעקונג וואס א פאמיליע האט.

3. באקומען העלט אינשורענס פאליסי אינפארמאציע פון פאמיליע (10 NYCRR טייל 69-4.6(d)).

a. סערוויס קאארדינירער זאלן באשטימען אויב א פאמיליע האט העלט אינשורענס פאר די אורלי אינטערוועשאן קינד און צושטעלן די פאסיגע בויגן און אנווייזונגען פאר די פאמיליע אויסצופולן.

i. סערוויס קאארדינירער זאלן איבערגיין **בויגנעס A און B** מיט די עלטערן און זיי העלפן אויסצופולן די פאסיגע בויגן.

ii. אויב די פאמיליע האט העלט אינשורענס פאר דאס קינד, זאל מען געבן פאר די פאמיליע **בויגן A *(באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע)***.

iii. אויב א פאמיליע האט נישט קיין העלט אינשורענס דעקונג, זאל די סערוויס קאארדינירער געבן פאר די עלטערן **בויגן C *(עלטערן באשטעטיגונג פון נישט האבן העלט אינשורענס)*** אויסצופולן.

b. ערקלערן פאר די עלטערן אז אויב א קינד נעמט אנטייל אין די אורלי אינטערווענשאן פראגראם, זאלן זיי אלעמאל לאזן וויסן פאר די אורלי אינטערווענשאן קאארדינירער אויב עס איז דא א טויש אין דאס קינד'ס העלט אינשורענס פאליסי, אריינגערעכנט Medicaid און Child Health Plus. די סערוויס קאארדינירער מוזן איבערגיין דאס קינד'ס העלט אינשורענס אינפארמאציע מיט די פאמיליע יעדע פערטל יאר.

c. סערוויס קאארדינירער מוזן דאקומענטירן אין די אורלי אינטערווענשאן סערוויס קאארדינאציע באמערקונגען די געשפרעכן מיט די עלטערן איבער העלט אינשורענס אין די אורלי אינטערווענשאן פראגראם און דאס קינד'ס העלט אינשורענס דעקונג. ווען מען גייט איבער די העלט אינשורענס אינפארמאציע מיט די עלטערן יעדע פערטל יאר:

i. אויף **בויגן A**, זאל די סערוויס קאארדינירער לייגן זיין אינישעל און דאטום אויף דעם בויגן צו ציייגן אז מען האט איבערגעגאנגען די אינפארמאציע מיט די עלטערן. די סערוויס קאארדינירער וועט אויך צייגן אויב די אינפארמאציע אויף די בויגן שפיגלט אפ "קיין טוישן" אדער אויב מען דארף א "נייע" אויפגעפרישטע בויגן.

ii. אויב מען דארף א נייע **בויגן A** צו אויפפרישן העלט אינשורענס אינפארמאציע, מוז מען דאס צושטעלן פאר די עלטערן. איינמאל די נייע בויגן ווערן אויסגעפולט און צוריקגעשיקט צו די סערוויס קאארדינירער, מוז מען עס אריינלייגן אין די סטעיט דאטא סיסטעם און מען מוז עס האלטן אין דאס קינד'ס טעקע.

iii. אויב דאס קינד האט נישט קיין העלט אינשורענס דעקונג און די עלטערן האט שוין אמאל אויסגעפולט **בויגן B**, און נאכ'ן איבערגיין האט מען געזען אז די קינד האט ווייטער נישט קיין העלט אינשורענס דעקונג, מוז א נייע **בויגן B**, ***עלטערן באשטעטיגונג פון נישט האבן העלט אינשורענס*** ווערן אויסגעפולט דורך די עלטערן און צאמגענומען דורך די סערוויס קאארדינירער וועלכער וועט האלטן די בויגן אין דאס קינד'ס טעקע.

iv. אויב א קינד, בשעת'ן אנטיילנעמען אין די אורלי אינטערווענשאן פראגראם, האט העלט אינשורענס דעקונג, אבער נאכ'ן איבערזיכט, האט מער נישט קיין דעקונג, מוז דער עלטערן אויספולן, אונטערשרייבן און לייגן דעם דאטום אויף אן **עלטערן באשטעטיגונג פון נישט האבן העלט *אינשורענס*** (בויגן B), וואס די סערוויס קאארדינירער וועט באקומען, און ער וועט דערנאך אריינלייגן די בויגן אינפארמאציע אין די סטעיט דאטא סיסטעם און האלטן די בויגן אין דאס קינד'ס טעקע.

d. סערוויס קאארדינירער מוזן אויך ארויסהעלפן פאר די עלטערן צו אויספולן **בויגן C** (געצייג פושקע ארטיקל 6), ***ערלויבעניש ארויסצוגעבן העלט אינשורענס אינפארמאציע***.

i. דאס איז די מעלדונג וואס דער עלטערן שרייבט אונטער צו ערלויבן ארויסצוגעבן דאס קינד'ס העלט אינשורענס אינפארמאציע פאר די סערוויס קאארדינירער און פאר די שטאט.

4. באקומען פון די עלטערן א געשריבענע רעפערעל פון די קינד'ס פריימערי העלט קעיר פראוויידער אלץ דאקומענטאציע איבער די מעדיצינישע נויטיגקייט פון אורלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויסעס.

a. קוקט נאך די אנווייזונג איבער געשריבענע רעפערעלס אנגעגעבן אין די ***סערוויס קאארדינירער העלט אינשורענס פליכטן*** (געצייג פושקע ארטיקל 1) און ***באקומען די געשריבענע רעפערעל פון עלטערן אדער פריימערי העלט קעיר דאקטוירים*** (געצייג פושקע ארטיקל 7).

b. נוצט **בויגן D** (געצייג פושקע ארטיקל 8), ***געשריבענע רעפערעל פון פריימערי העלט קעיר דאקטער*** לויט ווי עס פעלט אויס פאר דעם צוועק.

c. לאזט וויסן פאר די קינד'ס אורלי אינטערווענשאן פראגראם פראוויידערס אז מען האט באקומען א געשריבענע רעפערעל פון די קינד'ס פריימערי העלט קעיר דאקטער צו דאקומענטירן די מעדיצינישע נויטיגקייט פאר אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס.

***עס איז וויכטיג פאר סערוויס קאארדינירער צו וויסן אז סערוויסעס אנגעגעבן אויף א קינד'ס אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן מוז זיך אנהויבן צייטליך. סערוויסעס זאלן קיינמאל נישט ווערן אפגעשטופט אין פאל וואס די געשריבענע רעפערעל פאר מעדיצינישע נויטיגקייט איז נאכנישט געווארן אריינגעגעבן.**

5. סערוויס קאארדינירער מוזן דאקומענטירן אלע באמיאונגען צו באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע און געשפרעכן מיט די פאמיליע איבער העלט אינשורענס אין די אורלי אינטערווענשאן פראגראם. אלע אינפארמאציע וואס מען באקומט מוז ווערן אוועקגעלייגט דורך די סערוויס קאארדינירער ווי פאלגנד:

a. פולט אויס דאס קינד'ס רעפערענץ נומער אויף די לינקע זייט אויבן פון יעדע אויסגעפולטע בויגן.

b. צום וויניגסטנס יעדע פערטל יאר, אדער אפטער אויב עס פעלט אויס, זאלט איר איבערקוקן און שרייבן אינישעלס אויף **בויגן A**, ***באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע***, אויב די העלט אינשורענס האט זיך ***נישט*** געטוישט. אויב די העלט אינשורענס האט זיך געטוישט, זאלט איר איבערמאכן **בויגן A** און בעטן פון די עלטערן צו אונטערשרייבן און שרייבן די דאטום אויפ'ן בויגן. לייגט אריין די נייע אינפארמאציע אין די סטעיט דאטא סיסטעם און האלט די בויגן אין דאס קינד'ס טעקע.

c. דאקומענטירט אלע באמיאונגען צו באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע אין סערוויס קאארדינאציע באמערקונגען.

d. לייגט אריין אלע אינפארמאציע באקומען פון די קינד'ס און פאמיליע'ס העלט אינשורענס אינפארמאציע פון די עלטערן, אריינגערעכנט Medicaid, Medicaid Managed Care און Child Health Plus פאליסי אינפארמאציע, דירעקט אריין אין די סטעיט דאטא סיסטעם. **בויגן C**, ***ערלויבעניש ארויסצוגעבן העלט אינשורענס אינפארמאציע***, מוז ווערן אונטערגעשריבן דורך די עלטערן איידער סיי וועלכע אויסטויש פון העלט אינשורענס אינפארמאציע מיט די סערוויס קאארדינירער אדער מיט די שטאט.

e. נאך מען באקומט אלע העלט אינשורענס אינפארמאציע פון די עלטערן, וועט די סערוויס קאארדינירער אריינלייגן די אינפארמאציע אין די סטעיט דאטא סיסטעם.

f. האלט א קאפיע פון אלע אויסגעפולטע העלט אינשורענס בויגנעס אין די קינד'ס רעקארד.

## העלט אינשורענס געצייג פושקע ארטיקל 2

# עלטערן מעלדונג איבער העלט אינשורענס

אין ניו יארק סטעיט, מוזן אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט צו פאמיליעס פריי פון אפצאל. ניו יארק סטעיט'ס סיסטעם פון באצאלונג פאר די אורלי אינטערווענשאן פראגראם שליסט איין דאס באנוץ פון פובליק העלט אינשורענס (אזוויי Medicaid און Child Health Plus) צו צוריקצאלן אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס.

אויף דעצעמבער 29, 2021, האט גאווערנאר Hochul (האקול) אונטערגעשריבן א געזעץ (A.5339/S.5560A) וואס האט באדייטנד געטוישט די וועג וואס קלעימס פאר אורלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויסעס ווערן פראצעסירט און באצאלט. די געזעץ שטעלט אוועק אן אורלי אינטערווענשאן פראגראם געדעקטע לעבנס קאסע, באצאלט דורך אן אפשאצונג אויף העלט אינשורענס פלענער. די אורלי אינטערווענשאן פראגראם קאסע באצאלונג פארגרינגערט די שטאטישע און סטעיט טיילן פון אורלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויסעס וועלכע ווערן נישט באצאלט דורך Medicaid. געדעקטע סערוויסעס ווערן בע'ביל'ט צו Medicaid און נישט-געדעקטע סערוויסעס ווערן באצאלט דורך שטאטישע עסקראו.

### Medicaid און פריוואטע העלט אינשורענס

אויב אייער פאמיליע האט סיי פריוואטע העלט אינשורענס און פובליק העלט אינשורענס (Medicaid) דעקונג, וועלן קלעימס פאר באצאלונג פאר אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס ערשט ווערן גע'ביל'ט צו אייער פובליק אינשורענס (Medicaid) פאר באצאלט.

### באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע און א קינד'ס סאושעל סעקיורעטי נומער

אונטער ניו יארק סטעיט פובליק העלט געזעץ (PHL):

אייער סערוויס קאארדינירער מוז באקומען, און איר מוזט צושטעלן, אינפארמאציע און דאקומענטן איבער אייער קינד'ס העלט אינשורענס דעקונג, אריינגערעכנט פובליק און פריוואטע העלט אינשורענס. די אינפארמאציע שליסט איין: דער סארט העלט אינשורענס פאליסי אדער העלט בענעפיט פלאן, דער נאמען פונעם אינשורער אדער פלאן אדמיניסטרעיטאר, דער פאליסי אדער פלאן אידענטיפיקאציע נומער, דער סארט דעקונג און פאליסי און סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע נויטיג צו ווערן באצאלט פון אייער אינשורענס. אייער סערוויס קאארדינירער וועט אייך ערקלערן אייערע רעכטן און פליכטן, און די שוץ וואס דער געזעץ שטעלט צו פאר פאמיליעס. [10 NYCRR אפטיילונג 69 4.7(g)-(h)]

אייער אורלי אינטערווענשאן באאמטער מוז באקומען, און איר מוזט אריינגעבן, אייער קינד'ס סאושעל סעקיורעטי נומער. די אינפארמאציע וועט ווערן געהאלטן אויף א פארזיכערטע און געהיימע פארנעם. [PHL§ 2552(2)]

### אינשורענס אין ניו יארק סטעיט

די פאלגנדע שוץ ווערט פארזיכערט אונטער ניו יארק סטעיט פובליק העלט געזעץ (PHL) אן ניו יארק סטעיט אינשורענס געזעץ (SIL) ווען פובליק העלט אינשורענס ווערט גענוצט צו באצאלן פאר אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס.

1. **די אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס וואס אייער קינד דארף וועט ווערן צוגעשטעלט פאר אייער פאמיליע פריי פון אפצאל.** איר טארט נישט ווערן געבעטן צו באצאלן אייגענע קאסטן, אזוויי דעדאקטיבלס אדער קא-פעימענטס, פאר סיי וועלכע סערוויסעס וואס אייער קינד און פאמיליע באקומען אין די אורלי אינטערווענשאן פראגראם. די אורלי אינטערווענשאן פראגראם וועט אויסארבעטן דאס באצאלונג פון אלע קא-פעימענטס און דעדאקטיבלס. [PHL§ 2557(1); PHL§ 2559(3)(b)]
2. **די אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס וואס זענען אוועילעבל פאר אייער קינד און פאמיליע וועלן נישט ווערן באגרעניצט צו וואס ווערט געדעקט דורך אייער אינשורענס.** אייער אורלי אינטערווענשאן באאמטער מוז מאכן זיכער אז די פאסיגע אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט פאר אייער קינד, אפילו אויב אייער אינשורענס דעקט נישט די סערוויסעס אדער אויב איר האט נישט אינשורענס. [PHL§ 2552(1)]
3. **אייער קינד'ס בארעכטיגקייט פאר היים און קאמיוניטי-באזירטע וועיווער פראגראמען וועט נישט ווערן אפעקטירט** דורך דאס באנוץ פון פובליק העלט אינשורענס (צ.ב. Medicaid) צו באצאלן פאר אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס.
4. **אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס אין אייער אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן מוזן נאך ווערן צוגעשטעלט אפילו אויב איר האט נישט פריוואטע אדער פובליק העלט אינשורענס דעקונג.** איר קענט נישט ווערן פארלאנגט צו באקומען העלט אינשורענס דעקונג אלס באדינגונג צו אנטיילנעמען אין די אורלי אינטערווענשאן פראגראם, כאטש וואס אייער סערוויס קאארדינירער קען אייך העלפן מיט רעפערעל און אפליקאציעס פאר פובליק בענעפיטן, אויב איר ווילט. [PHL§2552(1); PHL§2559(1)]
5. **העלט ספענדינג אקאונטס/העלט סעיווינגס אקאונטס (HSA)** זענען מעדיצינישע סעיווינגס אקאונטס און זענען ***נישט*** גערעכנט פאר העלט אינשורענס. אייער סערוויס קאארדינירער וועט נישט באקומען אינפארמאציע איבער די אקאונטס.

### דיו פראצעס רעכטן

עלטערן האבן די רעכט צו דיו פראצעס פראצעדורן צו לעזן געפעכטן אדער אנקלאגעס. די דיו פראצעס רעכטן שליסן איין די מעגליכקייט פון פארמיטלונג, א יושר'דיגע הירינג, און/אדער די געלעגנהייט אריינצוגעבן א סטעיט סיסטעם אנקלאגע. אלע אויסוואלן זענען פרייוויליג און פריי פון אפצאל פאר עלטערן. [34 CFR § 303.431, § 303.436, § 303.441, § 303.434; PHL § 2549; 10 NYCRR אפטיילונג 34 69-4.17]

- **פארמיטלונג** איז א פראצעדור אנגעפירט דורך א טרעניערטע פארמיטלער פון א קאמיוניטי געפעכט לעזונג צענטער, וואס העלפט ביידע זייטן קומען צו אן אפמאך איבער סיי וועלכע פראבלעם אונטער די אינדיווידועלן מיט דיסאביליטיס עדיוקעישאן אקט טייל C. ביטע נעמט אין אכט אז די פארמיטלונג פראצעדור קען נישט גענוצט ווערן צו אנזאגן אדער אפשטופן אן עלטערן'ס רעכט פאר א יושר'דיגע הירינג, אדער צו אפזאגן סיי וועלכע אנדערע דיו פראצעס רעכטן.
- **יושר'דיגע הירינגס** ווערן אנגעפירט דורך הירינג באאמטער (אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער באשטימט דורך דער העלט קאמישאנער אדער באשטימטער) און ווערן אויך גענוצט צו לעזן געפעכטן צווישן אן עלטערן און אן אורלי אינטערווענשאן באאמטער. עלטערן קענען בעטן פאר א יושר'דיגע הירינג אויב א קינד ווערט געטראפן צו זיין נישט בארעכטיגט פאר סערוויסעס דורך אן אפשאצער אויב די פארלאנג ווערט געמאכט אינערהאלב 6 חדשים פונעם דאטום וואס דער קינד איז געטראפן געווארן נישט בארעכטיגט.

- **א סיסטעם אנקלאגע** קען ווערן אריינגעגעבן אויב עלטערן אדער סיי וועלכע זייט גלייבט אז זייער הויפט אגענטור, אורלי אינטערווענשאן באאמטער, סערוויס קאארדינירער, אפשאצער אדער סערוויס פראוויידער טוט נישט זיין אדער איר אויפגאבע אונטער די געזעץ אדער רעגולאציעס. דער אנקלאגע מוז ווערן געמאכט שריפטליך צו די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט דירעקטאר פון די ביורא פון אורלי אינטערווענשאן, און מוז ווערן אונטערגעשריבן און אריינגעגעבן וויינציגער ווי איין יאר פונעם דאטום פונעם באשולדיגטע פארלעצונג. א קאפיע פון די אנקלאגע מוז געשיקט ווערן צו די קינד'ס סערוויס קאארדינירער, קאונטי אורלי אינטערוועשאן באאמער, און סיי וועלכע אורלי אינטערווענשאן פראוויידער(ס) וואס איז דער באשולדיגטער אינעם אנקלאגע.

פאר נאך אינפארמאציע איבער יעדע פון די אויסוואלן צו באקומען, ביטע קוקט איבער די אינפארמאציע אין די עלטערן'ס איינפאכע וועגווייזער צו די אורלי אינטערוועשאן פראגראם און אויף די ביורא פון אורלי אינטערוועשאן'ס וועב-בלאט אויף health.ny.gov/community/infants_children/early_intervention/. אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס איבער די אינפארמאציע אין דעם מעלדונג, ביטע פרעגט אייער סערוויס קאארדינירער אדער אורלי אינטערוועשאן באאמטער, אדער פארבינדט זיך מיט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט ביורא פון אורלי אינטערוועשאן אויף **518-473-7016** אדער אויף אימעיל צו beipub@health.ny.gov.

# אינפארמאציע און אנווייזונגען פאר עלטערן

## באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע - בויגן A
## עלטערן באשטעטיגונג איבער נישט האבן העלט אינשורענס - בויגן B

### קינד'ס העלט אינשורענס אינפארמאציע: (בויגן A)

אין ניו יארק סטעיט, מוזן אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט צו פאמיליעס פריי פון אפצאל. פונדעסטוועגן, איז ניו יארק סטעיט'ס סיסטעם פון באצאלונג פאר די אורלי אינטערווענשאן פראגראם שליסט איין דאס באנוץ פון פובליק העלט אינשורענס (אזוויי Medicaid און Child Health Plus) צו צוריקצאלן אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס.

10 NYCRR 69-4.7 געבט אן אז **אייער סערוויס קאארדינירער מוז באקומען, און איר מוזט צושטעלן, אינפארמאציע און דאקומענטן איבער אייער קינד'ס העלט אינשורענס דעקונג, אריינגערעכנט פובליק און פריוואטע העלט אינשורענס.** די אינפארמאציע שליסט איין: דער סארט העלט אינשורענס פאליסי אדער העלט בענעפיט פלאן, דער נאמען פונעם אינשורירער אדער פלאן אדמיניסטרעיטאר, דער פאליסי אדער פלאן אידענטיפיקאציע נומער, דער סארט דעקונג און פאליסי און סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע נויטיג צו באצאלן פראוויידערס פאר סערוויסעס. אייער סערוויס קאארדינירער מוז ערקלערן אייערע רעכטן און פליכן און די שוץ וואס דער געזעץ שטעלט צו פאר אייער פאמיליע.

### אויספולן די העלט אינשורענס בויגנעס

אייער סערוויס קאארדינירער קען אייך העלפן מיט אויספולן די נויטיגע בויגנעס.

- ביטע מאכט זיכער אז די נויטיגע בויגנעס זענען אויסגעפולט גענצליך און פונקטליך.
- אייער סערוויס קאארדינירער מוז איבערקוקן אייער קינד'ס אינשורענס אינפארמאציע מיט אייך כאטש יעדע פערטל יאר. אויב אייער העלט אינשורענס טוישט זיך, אדער איר האט שוין נישט קיין העלט אינשורענס דעקונג, וועט איר דארפן אויספולן א נייע בויגן(ס).

**ביטע לאזט גלייך וויסן פאר אייער סערוויס קאארדינירער אויב אייער קינד'ס העלט אינשורענס דעקונג טוישט זיך.**

### באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע (בויגן A)

אויב אייער קינד האט צוויי אדער מער העלט אינשורענס פאליסיס, מוזט איר צושטעלן די אינפארמאציע פאר אלע פון זיי (ביישפילן אונטן).

- אויב אייער קינד האט צוויי אנדערע פריוואטע העלט אינשורענס פאליסיס, וועט איר געבן אינפארמאציע פארביידע פאליסיס.
- אויב אייער קינד האט Medicaid און א פריוואטע אינשורענס, וועט איר אריינרעכענען די Medicaid קינד אידענטיפיקאציע נומער (CIN) און די פריוואטע העלט אינשורענס אינפארמאציע.
- אויב אייער קינד האט Medicaid Managed Care וועלן ביידע, א Medicaid קינד אידענטיפיקאציע נומער (CIN), און די Medicaid Managed Care אינשורענס פירמע אינפארמאציע ווערן פארצייכענט אין די אינשורענס אינפארמאציע טייל.
- אויב אייער קינד האט Medicaid Managed Care און א פריוואטע העלט אינשורענס פאליסי, וועט איר אריינרעכענען די Medicaid קינד אידענטיפיקאציע נומער (CIN), די Medicaid Managed Care אינשורענס פירמע אינפארמאציע, און די פריוואטע העלט אינשורענס פאליסי אינפארמאציע.

### דיו פראצעס רעכטן

עלטערן האבן די רעכט צו דיו פראצעס פראצעדורן צו לעזן געפעכטן אדער אנקלאגעס. די דיו פראצעס רעכטן שליסן איין די מעגליכקייט פון פארמיטלונג, א יושר'דיגע הירינג, און/אדער די געלעגנהייט אריינצוגעבן א סטעיט סיסטעם אנקלאגע. אלע אויסוואלן זענען פרייוויליג און פריי פון אפצאל פאר עלטערן. [34 CFR § 303.431, § 303.436, § 303.441, § 303.434; PHL § 2549; 10 NYCRR אפטיילונג 69-4.17]

- **פארמיטלונג** איז א פראצעדור אנגעפירט דורך א טרענירטע פארמיטלער פון א קאמיוניטי געפעכט לעזונג צענטער, וואס העלפט ביידע זייטן קומען צו אן אפמאך איבער סיי וועלכע פראבלעם אונטער די אינדיווידועלן מיט דיסאביליטיס עדיוקעישאן אקט טייל C. ביטע נעמט אין אכט אז די פארמיטלונג פראצעדור קען נישט גענוצט ווערן צו אנזאגן אדער אפשטופן אן עלטערן'ס רעכט פאר א יושר'דיגע הירינג, אדער צו אפזאגן סיי וועלכע אנדערע דיו פראצעס רעכטן.
- **יושר'דיגע הירינגס** ווערן אנגעפירט דורך הירינג באאמטער (אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער באשטימט דורך דער העלט קאמישאנער אדער באשטימטער) און ווערן אויך גענוצט צו לעזן געפעכטן צווישן אן עלטערן און אן אורלי אינטערווענשאן באאמטער. עלטערן קענען בעטן פאר א יושר'דיגע הירינג אויב א קינד ווערט געטראפן צו זיין נישט בארעכטיגט פאר סערוויסעס דורך אן אפשאצער אויב די פארלאנג ווערט געמאכט אינעהאלב 6 חדשים פונעם דאטום וואס דער קינד איז געטראפן געווארן נישט בארעכטיגט.

# העלט אינשורענס געצייג פושקע פאר סערוויס קאארדינירער
# (Health Insurance Tool Kit for Service Coordinators)

באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע - בויגן A
(Collection of Health Insurance Information – Form A)

NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH
Bureau of Early Intervention

## העלט אינשורענס געצייג פושקע ארטיקל 4 - בויגן A

קינד רעפערענץ נומער ____________________

קינד'ס נאמען ____________________

דאטום פון געבורט ____________________ קינד'ס דזשענדער ☐ אינגל ☐ מיידל

**הויפט אינשורענס אינפארמאציע**

אינשורענס פירמע/פלאן נאמען ____________________

אינשורענס פירמע בילינג אדרעס ____________________

פאליסי/אידענטיפיקאציע (ID) נומער ____________________

קינד'ס מיטגלידער ID נומער (אויב אנדערש) ____________________

גרופע נומער ____________________

פאליסי האלטער'ס נאמען ____________________

פאליסי האלטער דאטום פון געבורט ____________________

פאליסי האלטער'ס אדרעס ____________________

פאליסי האלטער'ס טעלעפאן נומער ____________________

פאליסי האלטער'ס פארבינדונג צום קינד ____________________

**אנדערע אינשורענס (אויב שייך)**

אינשורענס פירמע/פלאן נאמען ____________________

אינשורענס פירמע בילינג אדרעס ____________________

פאליסי/ID נומער ____________________

קינד'ס מיטגלידער ID נומער (אויב אנדערש) ____________________

גרופע נומער ____________________

פאליסי האלטער'ס נאמען ____________________

פאליסי האלטער דאטום פון געבורט ____________________

פאליסי האלטער'ס אדרעס ____________________

פאליסי האלטער'ס טעלעפאן נומער ____________________

פאליסי האלטער'ס פארבינדונג צום קינד ____________________

Medicaid קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN) (אויב שייך) ___ ___ ___ ___ ___ ___ ___ ___ (2 בוכשטאבן, 5 נומערן, 1 בוכשטאב)

עלטערן/לעגאלע גארדיען'ס אונטערשריפט ____________________ דאטום ____________________

***ביטע באמערקט:*** *אויב די באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע בויגן וועלכע מען קען ארײנפילן נעמט אריין אן עלטערן/גארדיען'ס עלעקטראנישע אונטערשריפט, מוז די אונטערשריפט אויך ארייינרעכענען אן עלעקטראנישע אונטערשריפט באשטעטיגונג צייכענער (אוועילעבל דורך אפליקאציעס אזויווי Adobe Acrobat, DocuSign א.ד.ג.) וואס רעכנט אריין די דאטום און צייט פון די אונטערשריפט אויף די בויגן. אויב די זיכערהייט מאסנאמע איז נישט אוועילעבל, מוז די באקומען העלט אינשורענס אינפארמאציע בויגן ווערן געדרוקט צו ערלויבן די עלטערן/לעגאלע גארדיען צו אונטערשרייבן די צושטימונג אויף די פאפירענעם קאפיע.*

אינשורענס אינפארמאציע מוז ווערן איבערגעקוקט כאטש יעדע פערטל יאר און סיי ווען עפעס טוישט זיך אין די קינד'ס אינשורענס סטאטוס:

אינשורענס אינפארמאציע איבערגעקוקט: דאטום __________ אינישעלס ________ ☐ אן קיין טויש ☐ נייע בויגן

אינשורענס אינפארמאציע איבערגעקוקט: דאטום __________ אינישעלס ________ ☐ אן קיין טויש ☐ נייע בויגן

אינשורענס אינפארמאציע איבערגעקוקט: דאטום __________ אינישעלס ________ ☐ אן קיין טויש ☐ נייע בויגן

אינשורענס אינפארמאציע איבערגעקוקט: דאטום __________ אינישעלס ________ ☐ אן קיין טויש ☐ נייע בויגן

אינשורענס אינפארמאציע איבערגעקוקט: דאטום __________ אינישעלס ________ ☐ אן קיין טויש ☐ נייע בויגן

# העלט אינשורענס געצייג פושקע פאר סערוויס קאארדינירער
# (Health Insurance Tool Kit for Service Coordinators)

עלטערן באשטעטיגונג איבער נישט האבן העלט אינשורענס - בויגן B
(Parent Attestation of No Health Insurance – Form B)

NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH
Bureau of Early Intervention

## העלט אינשורענס געצייג פושקע ארטיקל 5 - בויגן B

קינד רעפערענץ נומער______________________________

(אויב שייך)

קינד'ס נאמען ______________________________________________________________

דאטום פון געבורט ______________________________________________________________

איך, ______________________________________ (ביטע שרייבט נאמען)' די עלטערן און/אדער לעגאלע גארדיען פונעם קינד וועמענס נאמען שטייט אויבן, באשטעטיג אז פונעם היינטיגן דאטום האט דאס קינד נישט קיין העלט אינשורענס דעקונג. איך פארשטיי אז דער באשטימטער אורלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויס קאארדינירער מוז מיר העלפן אידענטיפיצירן און זיך איינגעבן פאר העלט אינשורענס פאר וואס דאס קינד קען זיין בארעכטיגט. איך פארשטיי אויך אז דאס קינד איז נישט פארלאנגט צו האבן העלט אינשורענס כדי צו באקומען אורלי אינטערוועושאן פראגראם סערוויסעס.

עלטערן/לעגאלע גארדיען'ס אונטערשריפט ______________________________ דאטום ________________

***ביטע באמערקט:*** *אויב די עלטערן באשטעטיגונג איבער נישט האבן העלט אינשורענס בויגן וועלכע מען קען אריינפילן נעמט אריין אן עלטערן/היטער'ס עלעקטראנישע אונטערשריפט, מוז די אונטערשריפט אויך אריינרעכענען אן עלעקטראנישע אונטערשריפט באשטעטיגונג צייכענער (אוועילעבל דורך אפליקאציעס אזוויו Adobe Acrobat, DocuSign א.ד.ג.) וואס רעכנט אריין די דאטום און צייט פון די אונטערשריפט אויף די בויגן. אויב די זיכערהייט מאסנאמע איז נישט אוועילעבל, מוז די עלטערן באשטעטיגונג איבער נישט האבן העלט אינשורענס בויגן ווערן געדרוקט צו ערלויבן די עלטערן/לעגאלע גארדיען צו אונטערשרייבן די צושטימונג אויף די פאפירענעם קאפיע.*

# העלט אינשורענס געצייג פושקע פאר סערוויס קאארדינירער
# (Health Insurance Tool Kit for Service Coordinators)

ערלויבעניש ארויסצוגעבן העלט אינשורענס אינפארמאציע - בויגן C
(Authorization to Release Health Insurance Information – Form C)

NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH
Bureau of Early Intervention

## העלט אינשורענס געצייג פושקע ארטיקל 6 - בויגן C

קינד רעפערענץ נומער______________________________

אין איינקלאנג מיט אפטיילונג 2559(3)(c) פון די ניו יארק סטעיט (NYS) פובליק געזונטהייט געזעץ

אינשורירטער'ס (קינד'ס) נאמען______________________________

דאטום פון געבורט______________________________

עלטערן/לעגאלע גארדיען'ס נאמען______________________________

אינשורענס פירמע נאמען______________________________

אינשורענס פלאן נאמען/סארט______________________________

אינשורענס פירמע אדרעס______________________________

אינשורענס פירמע טעלעפאן נומער______________________________

פאליסי האלטער'ס נאמען______________________________

פאליסי האלטער'ס אדרעס______________________________

פאליסי/ID נומער______________________________

קינד'ס מיטגלידער ID נומער______________________________

גרופע נומער (אויב שייך)______________________________

סערוויס קאארדינירער'ס נאמען______________________________

סערוויס קאארדינירער'ס אגענטור______________________________

סערוויס קאארדינירער'ס אדרעס______________________________

סערוויס קאארדינירער'ס טעלעפאן נומער______________________________

שטאטישע אפיס______________________________

איך בעט און ערלויב ארויסצוגעבן העלט אינשורענס דעקונג אינפארמאציע פאר דער אינשורירטער וועמענס נאמען שטייט אויבן, פאר מיין קינד'ס און פאמיליע'ס אורלי אינטערווענשאן סערוויס קאארדינירער, פראוויידער(ס), די שטאטישע אפיס וואס פירט די לאקאלע אורלי אינטערווענשאן פראגראם, און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט און/אדער איר אורלי אינטערווענשאן פיסקאלער אגענט.

איך ערלויב דאס אויסטוישן פון אינפארמאציע צווישן די זייטן און דער אינשורירער וועמענס נאמען שטייט אויבן פאר די צוועקן פון אנפירן דאס קלעימ'ען און העלפן באשליסן קלעימס פאר סערוויסעס צוגעשטעלט אונטער די אורלי אינטערווענשאן פראגראם:

עלטערן/לעגאלע גארדיען'ס אונטערשריפט ______________________________ דאטום אונטערגעשריבן____________________

***ביטע באמערקט:*** *אויב די ערלויבעניש ארויסצוגעבן העלט אינשורענס אינפארמאציע בויגן וועלכע מען קען אריינפילן נעמט אריין אן עלטערן/גארדיען'ס עלעקטראנישע אונטערשריפט, מוז די אונטערשריפט אויך אריינרעכענען אן עלעקטראנישע אונטערשריפט באשטעטיגונג צייכענער (וועילעבל דורך אפליקאציעס אזויווי Adobe Acrobat, DocuSign א.ד.ג.) וואס רעכנט אריין די דאטום און צייט פון די אונטערשריפט אויף די בויגן. אויב די זיכערהייט מאסנאמע איז נישט אוועילעבל, מוז די ערלויבעניש ארויסצוגעבן העלט אינשורענס אינפארמאציע בויגן ווערן געדרוקט צו ערלויבן די עלטערן/לעגאלע גארדיען צו אונטערשרייבן די צושטימונג אויף די פאפירענעם קאפיע.*

## אנווייזונגען פאר סערוויס קאארדינירער:
## באקומען די געשריבענע רעפערעל פון עלטערן אדער פריימערי העלט קעיר דאקטוירים [PHL § 2559(3)(a)]

### הונטערגרונד

עס איז די פליכט פון די סערוויס קאארדינירער צו באקומען פון די פאמיליע די געשריבענע רעפערעל פון די קינד'ס פריימערי קעיר פראוויידער (primary care provider, PCP) צו פארשרייבן מעדיציניש נויטיגקייט.

פובליק העלט געזעץ (PHL) § 2559(3)(a) פאדערט אז אן עלטערן אדער לעגאלע גארדיען זאל אריינגעבן פאר די שטאט און פאר די סערוויס קאארדינירער א געשריבענע רעפערעל פון א פריימערי קעיר פראוויידער (צ.ב., דאקטער, נורס פראקטישינער, אדער דאקטער'ס געהילף) פאר בארעכטיגטע קינדער, איבער די מעדיציניש נויטיגקייט פון די אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס.

***די דאזיגע פאדערונג:***

- ***איז נאר שייך פאר קינדער פאר די צוועקן פון קלעימ'ען פארגיטיגונג פאר אורלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויסעס,***
- ***איז נאר שייך פאר סערוויסעס אזוויו פיזישע טעראפיע, רעדן-שפראך טעראפיע, אקיופעישאנעל טעראפיע און הערן טעראפיע, און איז נישט שייך פאר סערוויסעס אזוויו סערוויס קאארדינאציע און ספעציעלע אנווייזונג, וועלכע פאדערן נישט א געשריבענע רעפערעל, פון א פריימערי קעיר פראוויידער); און***
- ***איז נישט א פארלאנג וואס אן דעם קענען נישט קינדער באקומען אורלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויסעס.***

### בויגן

אריינגערעכנט אין די געצייג פושקע איז רעפערעל ביישפיל בויגן (**בויגן D, *געשריבענע רעפערעל פונעם פריימערי העלט קעיר דאקטער***) וואס מען קען נוצן ווען מען פארבינדט זיך מיט א קינד'ס פריימערי העלט קעיר דאקטער ווען מען פרובירט צו באקומען א רעפערעל. דאס איז בלויז א ביישפיל בויגן. די פריימערי קעיר פראוויידער קען נוצן זייער אייגענע רעפערעל בויגן.

### פראצעדור

בשעת די ערשטע באזוך, איז די סערוויס קאארדינירער פאראנטווארטליך צו באקומען די קינד'ס העלט אינשורענס אינפארמאציע. סערוויס קאארדינירער מוזן איבערגיין די העלט אינשורענס אינפארמאציע מיט די עלטערן כאטש יעדע פערטל יאר און אויפפרישן די העלט אינשורענס אינפארמאציע אויף די נויטיגע בויגענעס און אין די סטעיט דאטא סיסטעם יעדע וואס זאכן טוישן זיך.

**אויב א קינד האט העלט אינשורענס דעקונג, נעמט דער סערוויס קאארדינירער די פאלגנדע שריט:**

- דער סערוויס קאארדינירער רעדט אדורך מיט די עלטערן די נויטיגקייט צו באקומען א געשריבענע רעפערעל פון די קינד'ס פריימערי קעיר פראוויידער פאר סערוויסעס אנגעגעבן אין די קינד'ס אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן צו אונטערשטיצן די מעדיציניש נויטיגקייט. סערוויס קאארדינירער קענען זיך באנוצן מיט די ביישפיל **בויגן D, *געשריבענע רעפערעל פונעם פריימערי העלט קעיר דאקטער***, ווען זיי ערקלערן פאר די עלטערן די נויטיגקייט פונעם שריט.
- דער סערוויס קאארדינירער פולט אויס די אינפארמאציע אין די אויבערשטע קעסטל פון די רעפערעל בויגן און רעכנט אויס די סערוויסעס וועלכע זענען אנגעגעבן אין די קינד'ס אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן אין די פאסיגע קעסטל מער אונטן פונעם בויגן. אויב דער עלטערן קען נישט באקומען די געשריבענע רעפערעל פונעם פריימערי העלט קעיר פראוויידער, זאל דער סערוויס קאארדינירער אנפירן דעם פראצעדור דורך זיך פארבינדן מיט'ן פריימערי העלט קעיר פראוויידער, מיט ערלויבעניש פון די עלטערן, און שיקן די ביישפיל רעפערעל בויגן צו די פריימערי העלט קעיר פראוויידער. עס קען אויספעלן צו אנרופן די פריימערי קעיר פראוויידער נאכדעם צו קענען באקומען די געשריבענע רעפערעל.
- איינמאל וואס די געשריבענע רעפערעל בויגן איז אונטערגעשריבן און צוריקגעשיקט פון די פריימערי קעיר פראוויידער:
  - דער סערוויס קאארדינירער וועט פארשרייבן די אינפארמאציע אין די סטעיט דאטא סיסטעם.
  - דער סערוויס קאארדינירער לאזט וויסן פאר די קינד'ס אורלי אינטערווענשאן פראגראם פראוויידערס אז מען האט באקומען א געשריבענע רעפערעל פון די קינד'ס פריימערי קעיר פראוויידער צו דאקומענטירן די מעדיציניש נויטיגקייט פאר'ן קלעימ'ען. די בויגן קען ווערן געשיקט צו די פראוויידער אויב איר בעט דאס.
  - דער סערוויס קאארדינירער לייגט אריין און האלט די אויסגעפולטע געשריבענע רעפערעל בויגן אין די קינד'ס רעקארד.

**וויכטיגע אינפארמאציע**

- מען זאל באקומען די געשריבענע רעפערעל פון דאס קינד'ס אייגענע פריימערי קעיר פראוויידער; אבער, אויב דאס קינד האט נישט א פריימערי קעיר פראוויידער, קען מען באקומען די רעפערעל פון סיי וועלכע אנדערע פריימערי קעיר פראוויידער וואס קען די מעדיצינישע קעיר און צושטאנד פונעם קינד. דאס קען אריינרעכענען די דאקטער וואס האט מעגליך דורכגעפירט די געזונטהייט אפשאצונג פונעם קינד אלץ טייל פון דאס קינד'ס ערשטע מערערע-דיסיפלענערי אפשאצונג צו באשטימען בארעכטיגקייט פאר אורלי אינטערוועגשאן סערוויסעס.
- מען קען באקומען די געשריבענע רעפערעל פון א דאקטער, נורס פראקטישאנער אדער א דאקטער'ס געהילף.
- מען דארף נאר באקומען איין געשריבענע רעפערעל פאר יעדע געדעקטע סערוויס. מען קען באקומען א געשריבענע רעפערעל פאר אלע סערוויס(עס) (אויסער סערוויס קאארדינאציע און ספעציעלע אנווייזונג) אין צוגאב צו אן אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן בשעת דאס קינד'ס אנטיילנעמונג אינעם אורלי אינטערוועגשאן פראגראם.
- מען קען נוצן א באפעל פאר סערוויסעס, אזוויו עס ווערט געפאדערט אין אפטיילונג 10 NYCRR 69-4.11(a)(10)(ii), פאר דאס פארפולונג פון אן אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן, צו ערפילן דאס פארלאנג. א באפעל פאר א ספעציפישע סערוויס ערפילט די פריימערי קעיר פראוויידער רעפערעל פארלאנג פאר יענע סערוויס אויב עס ווערט באקומען פון דאס קינד'ס פריימערי קעיר פראוויידער אדער, אויב דאס קינד האט נישט א פריימערי קעיר פראוויידער, סיי וועלכע אנדערע פריימערי קעיר פראוויידער וואס קען די מעדיצינישע קעיר און צושטאנד פונעם קינד.

**אויב די פאמיליע האט העלט אינשורענס דעקונג, ביטע געדענקט:**
דער סערוויס קאארדינירער איז פאראנטווארליך צו זיכער מאכן אז מען באקומט די געשריבענע רעפערעל פון די קינד'ס פריימערי קעיר פראוויידער.
די געשריבענע רעפערעל איז פארלאנגט פאר קינדער מיט Medicaid אדער Medicaid managed care.

**ביטע נעמט אין אכט: די געשריבענע רעפערעל איז נישט א פארלאנג וואס איז געפאדערט פאר סערוויס דעליווערי, בלויז פאר קלעימינג. סערוויסעס אין די אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן מוזן ווערן צוגעשטעלט פאר קינדער און פאמיליעס אפילו אויב מען קען נישט באקומען א געשריבענע רעפערעל פון א פריימערי קעיר פראוויידער. אין אזעלכע פעלער, זאלן די דאקומענטן אין די קינד'ס טעקע און סערוויס אויסארבעטונג באמערקונגען אפשפיגלען אז מען האט נישט געקענט באקומען די געשריבענע רעפערעל פון די קינד'ס פריימערי קעיר פראוויידער.** ***אונטער אלע אומשטענדן זאל מען נישט אפזאגן קינדער פון סערוויסעס און זיי זאלן נישט ליידן פון פארשפעטיגונגען אין סערוויסעס געוואנדן אין די פארלאנג צו באקומען א געשריבענע באפעל פון מעדיצינישע נויטיגקייט פון די פריימערע העלט קעיר פראוויידער.***

# העלט אינשורענס געצייג פושקע פאר סערוויס קאארדינירער
# (Health Insurance Tool Kit for Service Coordinators)

געשריבענע רעפערעל פון פריימערי העלט קעיר
דאקטער דאקומענטן פון מעדיצינישע נויטיגקייט - בויגן D
Written Referral from Primary Health Care Practitioner)
(Documentation of Medical Necessity – Form D

NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH
Bureau of Early Intervention

קינד רעפערענץ נומער ____________________

## העלט אינשורענס געצייג פושקע ארטיקל 8 - בויגן D

אין איינקלאנג מיט אפטיילונג 2559(3)(c) פון די ניו יארק סטעיט (NYS) פובליק געזונטהייט געזעץ

קינד'ס נאמען (ערשטע/מיטלסטע אות/לעצטע) ____________________

קינד'ס דאטום פון געבורט ____________________

נאמען פון עלטערן/לעגאלע גארדיען ____________________

טעלעפאן נומער ____________________

סערוויס קאארדינירער ____________________

טעלעפאן נומער ____________________

**טייערע פריימערי קעיר דאקטער:**
אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט פובליק געזונטהייט געזעץ אפטיילונג 2559(3)(s), זענען עלטערן געפאדערט צו צושטעלן די אורלי אינטערווענשאן פראגראם מיט א געשריבענע רעפערעל פון א פריימערי העלט קעיר דאקטער אלץ דאקומענטן פון אן ענליכע העלט קעיר פראוויידער אלס דאקומענטן איבער די מעדיצינישע הילף וואס איז געפונגען געווארן דורך א מערערע-דיסיפלענערי אפשאצונג פון די אורלי אינטערוועשאן פראגראם. מיר בעטן די אינפארמאציע עדי צו אנפירן די קלעימס פראצעסירונג פון די סערוויסעס. די ביורא פון אורלי אינטערוועשאן האט אנטוויקלט די בויגן כדי צו אנפירן א פולע און פונקטליכע רעפערעל. אבער, איר קענט נוצן די בויגן וואס איר ווועלט אויס אויב עס ענטהאלט די נויטיגע אינפארמאציע. א דאנק פאר אייער שטיצע מיט צושטעלן די אינפארמאציע געבעטן אונטן.

**עלטערן אפשאצונג און גילטיגע מעדיצינישע אינפארמאציע** ____________________

____________________

____________________

**דיאגנאז, אריינגערעכנט דיאגנאזירן א פראבלעם אדער פארשפעטיגונג אין אנטוויקלונג און אינטערנאציאנאלע קלאסיפיקאציע פון קראנקהייטן (International Classification of Diseases, ICD) קאוד(ס), פארבינדן מיט די נויטיגקייט פאר אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויסעס** ____________________

____________________

____________________

**אורלי אינטערוועשאן פראגראם סערוויסעס אויסגערעכנט אין די קינד'ס אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן (IFSP)**

| *סארט סערוויס* | *ווי אפט/ווי לאנג* | *פריערדיגע ערלויבעניש נומער (בלויז פאר באנוץ פון אינשורירער)* |
| --- | --- | --- |
| ____________ | לויט די IFSP ____________ | ____________ |
| ____________ | לויט די IFSP ____________ | ____________ |
| ____________ | לויט די IFSP ____________ | ____________ |
| ____________ | לויט די IFSP ____________ | ____________ |
| ____________ | לויט די IFSP ____________ | ____________ |
| ____________ | לויט די IFSP ____________ | ____________ |

איך פארשטיי אז די אורלי אינטערוועשאן סערוויסעס אויסגערעכנט אויבן קענען פאדערן צו דארפן אויספירן אנגייענדע אפשאצונגען אויף א רעגלמעסיגע גאנג דורך א קוואליפיצירטע פראפעסיאנאל צו אפשאצן דאס פארשריט פונעם קינד. איך רעפעריר ____________________ *(קינד)* פאר די אורלי אינטערוועשאן פראגראם צו באקומען די סערוויסעס אויסגערעכנט אין זייער אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן.

אונטערשריפט פונעם דאקטער ____________________ *(אריגינעל)* דאטום ____________

נאמען פונעם דאקטער (שרייבט קלאר): ____________________

טעלעפאן נומער ____________________

אדרעס פונעם דאקטער ____________________

NYS לייסענס נומער ____________ נאציאנאלע פראוויידער אידענטיפיקאציע נומער ____________

## אנווייזונגען איבער ביל'ן MEDICAID פאר קינדער איינגעשריבן אין MEDICAID MANAGED CARE פלענער

אין כמעט אלע ניו יארק סטעיט קאונטיס, איז איינמאל א קינד ווערט באשטימט אלץ בארעכטיגט פאר Medicaid, ווערן זיי געפאדערט זיך אנצושליסן אין א Managed Care אינשורענס פלאן. אורלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויסעס זענען אויסגעפארעמט פון Medicaid Managed Care. **דעריבער, ווערן אורלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויס קלעימס נישט געביל'ט פון די Managed Care אינשורירער; זיי ווערן געביל'ט דירעקט פון די Medicaid פראגראם אויף א באזיס פון באצאלן-לויט-די-סערוויס.** Medicaid און Medicaid Managed Care אינפארמאציע מוז ווערן ריכטיג רעקארדירט אין די סטעיט דאטא סיסטעם פאר קלעימס צו קענען ווערן ריכטיג געביל'ט/געשיקט צו Medicaid.

סערוויס קאארדינירער און שטאטישע אפיסעס מוזן ארבעטן צו זאמען צו פארזיכערן אז די ריכטיגע אינפארמאציע ווערט ארייינגעלייגט אין די סטעיט דאטא סיסטעם און אז סיי וועלכע פאלשע אינפארמאציע איבער די קינד'ס פאליסי אינפארמאציע ווערט פאררעכטן אין די סטעיט דאטא סיסטעם, אויב עס פעלט אויס, וואס שנעלער צו פארמיידן צוקונפטיגע קלעימס פון ווערן פאלש געביל'ט פון די Managed Care אינשורירער. עס איז קריטיש אז סערוויס קאארדינירער זאלן ארבעטן צוזאמען מיט שטאטישע אפיסעס און פאמיליע לויט ווי עס פעלט אויס צו באשטימען די פאסיגע סטאטוס פון א קינד'ס העלט אינשורענס און/אדער Medicaid דעקונג.

סערוויס קאארדינירער זענען פאראנטווארטליך צו איבערקוקן און אויפפרישן א קינד'ס העלט אינשורענס אינפארמאציע צום ווייניגסטנס יעדע פערטל יאר מיט פאמיליעס אדער סיי ווען די פאמיליע האט א טויש אין העלט אינשורענס סטאטוס. אין פאל וואס קינדער זענען איינגעשריבן אין די Medicaid פראגראם, מוז דער סערוויס קאארדינירער באקומען די קינד'ס **Medicaid קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN) און ארייינלייגן די נומער אין די סטעיט דאטא סיסטעם פאר בילינג צוועקן.** אויך, מוז דער סערוויס קאארדינירער באשטעטיגן די Medicaid Managed Care פלאן אינפארמאציע פאר אלע קינדער אין זייער פארשריבענע קעיסעס מיט Medicaid דעקונג. די אינפארמאציע וואס מען לייגט אריין אין די סטעיט דאטא סיסטעם מוז שטימען מיט די אינפארמאציע ארייינגערעכנט אין די eMedNY סיסטעם.

סערוויס קאארדינירער קענען נוצן די Medicaid בארעכטיגקייט באשטעטיגונג סיסטעם (Medicaid Eligibility Verification System, MEVS), וואס איז אן אויטאמאטישע, ארייינדרוקונג טעלעפאן צוטריט סיסטעם, צו באשטעטיגן Medicaid Managed Care סטאטוס. אויב א קינד איז איינגעשריבן אין א Medicaid Managed Care פלאן, וועט MEVS טרעפן א Medicaid Managed Care פלאן און וועט צושטעלן אינפארמאציע איבער די Managed Care פלאן נאמען, פלאן אדרעס און פלאן טעלעפאן נומער. ביטע קוקט איבער די MEVS שנעלע רעפערענץ וועגווייזער וואס געפונט זיך אויף דעם פאלגנדן לינק פאר אנווייזונגען איבער נוצן די טעלעפאן ליניע:
https://www.emedny.org/ProviderManuals/5010/MEVS%20Quick%20Reference%20Guides/5010_MEVS_Telephone_Quick_Reference_Guide.pdf

סערוויס קאארדינאציע אגענטורן מיט א גרויסע מאס טראנזאקציעס (מער ווי 50 א חודש) קענען באקומען די זעלבע אינפארמאציע דורך ePACES, א קאמפיוטער-באזירטע אפליקאציע. פאר אינפארמאציע איבער באקומען צוטריט/נוצן ePACES, ביטע פארבינדט זיך מיט די eMedNY רוף צענטער אויף 1-800-343-9000.

אויך, קען מען באקומען אינפארמאציע איבער Medicaid Managed Care פראווייודערס צוטיילט לויט די קאונטי וואס רעכנט אויס די פירמעס וועלכע שטעלן צו Medicaid Managed Care פלענער אין יעדע קאונטי. מען קען צוקומען צו די אינפארמאציע אויף דעם פאלגנדן לינק:
http://www.health.ny.gov/health_care/managed_care/pdf/cnty_dir.pdf

Medicaid קלעימינג רעגולאציעס פאדערן אז די קלעים זאל ארייינרעכענען אלע מעגליכע אינשורענס פאליסי אינפארמאציע פאר א קינד. דאס נעמט אריין די פריימערי פאליסי טייל פון א קינד'ס Medicaid Managed Care פלאן. אויב די אינפארמאציע איז נישט ארייינגערעכנט אין א Medicaid קלעים, וועט Medicaid לייקענען די קלעים.

**אויב אייער קינד האט Medicaid Managed Care, מוזן סיי די Medicaid קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN) אינפארמאציע און די Managed Care אינשורענס פירמע אינפארמאציע אז עס זאל ווערן פארצייכענט אין די אינשורענס אינפארמאציע טייל. האלט א קאפיע פון אלע אויסגעפולטע בויגענעס אין די קינד רעקארד און אין די סטעיט דאטא סיסטעם.**

פאר אנווייזונגען אויף וויאזוי ארייינצולייגן העלט אינשורענס אינפארמאציע אין די סטעיט דאטא סיסטעם, זאלט איר ביטע דורכקוקן די יוזער מעניול און גרייטע ארבעט געהילפן.

פאר מער אינפארמאציע איבער איינשרייבונג, אויסשליסונג אדער אלגעמיינע אינפארמאציע איבער Medicaid Managed Care, קענט איר באזוכן די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון העלט Managed Care אויף http://www.health.ny.gov/health_care/managed_care/index.htm אדער רופט די Medicaid Managed Care הילפליניע אויף 1-800-505-5678.